# בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' פ' בלק | ד' תמוז | תשע"א | פסחים: ע"ב


## באריכט:

נעכטן אווענט ווען דער רבי שליט"א איז אנגעקומען קיין וויליאמסבורג איז דער רבי שליט"א געגאנגען אין שטוב פון הרבני מוה"ר שלמה יעקב מערץ הי"ו ווי ר' שלמה יעקב האט אונטערגעשריבן א שט ר הסכם אפצוקויפן די זכות פון איינע פון די נייע כיתות אין בנין התלמוד תורה אין וויליאמסבורג, און דערביי האט דער רבי שליט"א מאציל געווען ברכת קדשו פאר'ן חשוב'ן נדבן הי"ו און פאר זיין פאטער הרה"ח מוה"ר ליפא הי"ו.

❧•❧

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געגעבן א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים נאכ'ן דאווענען.

❧•❧

אין די פארמיטאג שעה'ן זענען די תלמידי ישיבת מסורת אבות פון לעיקוואוד געקומען צו מרן רבינו שליט"א ווי דער רבי שליט"א האט זיי פארהערט זייערע לימודים אין מס' קידושין, און דערנאך האט זיי דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש דברי הדרכה לימי הקיץ.

❧•❧

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**

**Bechatsros Satmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**